אָבער זאָל זיך נישט צאַנקען, נאָר זיין פריינטלעך
לגבי אַלעמען, פעאיק צו לערנען (אַנדערע), אַ
25 סבלן, וואָס זאָגט מיט ענִיוותדיקייט שטראָפּרייד צו
26 די ווידערשפעניקע; אפשר וועט ג־ט זיי שענקען
תשובה, צום דערקענען דעם אמת, און ווידער
ניכטער צו ווערן אויס דעם שטנס פּאַסטקע אַרויס,
וואָס ער האָט זיי געפאַנגען צו זיין ווילן.

## קאַפּיטל דריי

1 דאָס דאַזיקע אָבער זאָלסטו וויסן, אַז אין די
2 לעצטע טעג וועלן קומען שווערע צייטן. וואָרום
די מענטשן וועלן זיין ליבהאָבער פון זיך אַליין,
ליבהאָבער פון געלט, באַרימער, חוצפּהדיק, לעס־
טערער, אומגעהאָרכזאַם צו עלטערן, אומדאַנקבאַר,
3 גאָטלאָז, אוממענטשלעך, נישט גענייגט מוחל צו זיין,
טייוולאָנים, נישט איינגעהאַלטן, אכזרים, שונאים
4 פון גוטס, פאַררעטעריש, לייכטזיניק, אָנגעבלאָזן,
וואָס האָבן ליב פאַרגעניגנס מער ווי זיי האָבן ליב
5 ג־ט; וואָס האָבן אַ געשטאַלט פון יראת־שמים,
פאַרלייקענען אָבער די קראַפט דערפון; אויך פון די
6 דאָזיקע קער דיך אָפּ. וואָרום פון די דאָזיקע זענען
די, וואָס גנבענען זיך אַריין אין הייזער און נעמען
געפאַנגען נאַרישע ווייבלעך, וועלכע זענען באַלאָדן
מיט זינד און ווערן פאַרפירט פון פאַרשיידענע
7 תאוות, וואָס תמיד לערנען זיי, און קענען קיינמאָל
נישט קומען צו דער דערקענטעניש פון דעם אמת.
8 און פונקט ווי יאַנעס און יאַמברעס האָבן זיך אַקעגנ־
געשטעלט משה (רבנו), אַזוי שטעלן זיך אויך די
דאָזיקע אַקעגן דעם אמת; מענטשן מיט אַ פאַרדאָר־
בענעם פאַרשטאַנד, פאַרוואָרפן וואָס שייך דער אמונה.